STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04944

OYF YENER ZAYT BARG

Perl Halter

Permanent preservation of this book was made possible
by Nathan Schafer
in memory of
his parents, Meyer & Ita Shoichet

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערל האַלטער

*

אויף יענער זייט באַרג

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל
1968

ls 739

פּערל האָלבער

אויף יענער זייט באַרג

PERL HALTER

OÏF ÏENER ZAÏT BARG

(AU-DELA DE LA MONTAGNE)

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער מיטהילף פון דער
בוך־קאָמיסיע ביים סאָציאַלן פאַראייניקטן פאָנד אין פאַריז

CE LIVRE A ETE PUBLIE AVEC L'AIDE
DE LA
COMMISSION DU LIVRE DU F.S.J.U., PARIS

הילע און צייכענונגען — מאַרעק האַלטער
Illustrations: Marek Halter

©

נדפס בישראל
Printed in Israel 1968

תשכ"ח — 1968

פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב

נסדר: לינו־טור, רח' יסוד־המעלה 39, ת"א
נדפס: דפוס „ערבה", רח' ליבנדה 36, ת"א


אין מיין ניגון

אין מיין ניגון

פאַר וואָס איז דער גן־עדן
אין אַ סוד פאַרקליידט,
און דער טרויער פון דער ערד —
אַזוי אָדם־נאַקעט?
ס׳האָט אַ שמייכל פון אַ קינד
אַ קערנדל פאַרזייט,
האָב איך דאָס אָרט
באַוואַסערט און צעאַקערט,
אַז בלִיען זאָל אויף ערד
אַ גרינער טרוים
און דער שאָרך פון בלעטער
זאָל דעם וויי איינוויגן.
האָט אַ שטורעמווינט
צעבראָכן יענעם בוים
און געלאָזט דעם טרויער
אין מיין ניגון.

געבורט פון אַ ליד

עס כוואַליעט זיך, כוואַליעט, אַ רינג אין אַ רינג;
זיי צאַפּלען אַריין אינעם בלוט מיט געזאַנגען,
עס קנוילן זיך אויף די פאַרהוילענע קלאַנגען,
דאָס האַרץ נעמט דיקטירן: אָט איצטער זינג, זינג...

אַ קלאָר־צאַרטע פּידל ווערט ס׳ווייסע פּאַפּיר,
די פּעדער אין האַנט איז אַ ציטריקער בויגן;
און ליכטיקע כוואַליעס פאַרגיסן די אויגן —
דאָס אַלץ איז נאָר אַנונג, ווי חלום־באַריר...

די פּידל געשפּאַנט איז — אַ טרער פונעם טינט
פאַלט שטיל פון דעם בויגן. דער קאָפּ, ווי אין פלאַמען.
עס דויערט אַ ווײַלע, עס פליט אָן אַ ווינט:

די בילדער, געשטאַלטן — געמאָסטן אין גראַמען.
די האַנט ווערט אַ פויגל, אין שוועבן געניט —
און ס׳ראַנגלט אין ווײ פון געבורט זיך דאָס ליד.

אַ ווייטער פרילינג

דער שטערנוועג האָט איצטער טויזנטער גילדענע פענצטער,
ער עפנט זיי אויף מיר צו ווייזן פאַרגאַנגענע טעג.
אַ סך האָט אַ טרויער געטונקלט, נאָר איינער, דער שענסטער,
אין צווייט האָט אַ ניגון געווינטלט אויף שטראַליקן וועג.

דער חלום דאָרט פלאַטערט אַ בלויער אויף פליגל פון טויבן;
דאָס האָט די לבנה, אַ מילדע, פאַר מיר זיך געמיט.
די טויבן קוים-קוים וואָס זיי וואָרקען אַדורך מיינע שויבן —
אַ ווייטער, אַ זוניקער פרילינג זיך ווידער צעבליט:

אַ סאָסנאָווער וואַלד, פּלושענער מאָך אין טויִקן גרין,
געלעכטער, ווי זילבערנע גלעקלעך, צעהענג איך אויףביימער —
מיין ליבער קומט אָן אין די ריחות פון בעז און יאַסמין;

דאָס פריידיקע זידן פון בלוט איך דערקען אויף דער וואָר.
ביי אים בין איך איינציק, און ער איז אין גאַנצן נאָר מיינער...
די וועלט האָט פאַרשיכורט געראוישט אין די זיבעצן יאָר.

קען זיין

קען זיין, אַז דו ווייסט
וואָס דו באַגערסט;
אַליין דו דערהערסט
אין טומל פון טעג,
אַז דיין וועג
איז מיט שטרויכלען פאַרקרימט
און בינדט
דיין ווילן צו זיין, ווי דו ווילסט;
דו שטילסט
דיין רצון מיט קליינלעך פאַרמעג.
ווערן טעג
פאַרבלאָנדזשעט אָן יעדערן שפור —
אָן אינהאַלט, אָן וואָר.



אין אַ ווינטערנאַכט

ווייט האָט די נאַכט זיך געצויגן אין שטערנגעשלייער,
לבנה מיט אייזקאַלטע פינגער געגלעט האָט די וועלט.
טיף אינעם שניי האָט געלאָזט זיינע שפּורן אַ גייער,
נאָר זיך און זיין שאָטן געטראָגן אין נאַכטיקער קעלט.

געשוואַרצט האָט אַ וואַלד זיך ביים וועג מיט גלאַנציקע קרוינען,
אַ ווינט מיט געוואָי האָט אין פראָסטיקע צווייגן געוויינט.
איז דאָס דער גייער, וואָס שפּאַנט שוין אַרום פון קדמונים
און זוכט אין אַ מאָרגן דעם לאַנג שוין פאַרלוירענעם היינט?

עס טאָגט; דער הימל לעשט אויס זיינע שטערן־לאַמטערן,
שווימט אָפּ די לבנה אַ מידע אַהינטער דעם וואַלד,
דער גייער גייט ווייטער, די טריט אין שניי זיך פאַרמערן,

ווער אפשר דער טאָג, וואָס קומט אָן, אַ היינט אים באַשערן?
ווען רויט ווערט דער מזרח, באַשטראַלט ער דעם גייערס געשטאַלט,
דערזעט מען: דער גייער איז טויזנטער יאָרן שוין אַלט.

צו די הייכן

דו זאָגסט:
איך האָב נישט קיין פליגל
און וועל נישט קענען
צו די הייכן פליִען.
נישט אמת:
די טרוימען,
וואָס אין דיין נשמה טליִען
און קוקן דורך דיינע שוואַרצאַפּלען,
מיט פליגל צאַפּלען,
פלאַטערן און צאַפּלען,
און איך זע,
ווי זיי דערגרייכן
אַט אַזוי
די העכסטע הייכן
אַרויף, אַרויף
מיט שטילע געזאַנגען.
מיר דאַכט זיך:
זיי דערלאַנגען
דעם אין־סוף.

נעם אַרום די ווייטן

נעם אַרום די ווייטן
אונטער פליגל פון דיין דמיון,
צעלאָז זיי צוריק,
ווי פייגל, פריי,
נאָר אַ סימן
פון יעדן זאָל בלייבן,
ווי אַ פאַרפלאַנצטער בוים
אין דיין זכרון;
און קוים וועלען יאָרן
וואָס פאַרמעקן און צעשטערן?
וועט אַלץ נאָך בלייבן
דער גלאַנץ פון ווערן
און ווידער ווערן אויף ס׳ניי.
האָב נישט קיין מורא,
אַז אַלץ גייט פאַרביי.

פריינדשאַפט

איך זוך דיך אין יעדערנס פּנים,
און גאָר דיך פון יעדנס געזיכט.
איך נאַר זיך מיט פאַלשע סימנים;
אין חושך פאַרנעפּלטע ליכט.

איך צאַפּל ביי יעדערנס שמייכל,
וואָס פריינדלעך צו מיר איז געווענדט,
ווער טויב פאַר מיין אייגענעם שׂכל
אין בליץ פונעם וואָרט, וואָס פאַרבלענדט.

פאַרבלענדט שפּאַן איך אום אין אַ חלום —
כאָטש דערנער געגנוג האָט מיין וועג.
עס דאַכט זיך: איך לעב אוים בשלום
דעם חלום מיט וואָר — מיינע טעג.

נאָר גאַנץ אָפט דערפיל איך דעם אמת:
ס׳איז פריינדשאַפט אַ זעלטן געשאַנק.
מיט טרויער מיט שטילן, כ׳פאַרנעם עס
און ס׳טוט אַזוי וויי, אַזוי באַנג.

צו דער נאַכט אַראָפּ

דער פרימאָרגן הייבט אָן בלויען
מיט אַ העלן טרוים;
ווען די נאַכט פארגייט אין גרויען,
ענגער ווערט דער רוים.

זינגען פייגל אין פרימאָרגן,
זינגט זיך מיט זיי מיט,
אין פאַרנאַכטן טויבן וואָרקען,
שטילער ווערן טריט.

שוועבן, שוועבן גרויע טויבן,
ווישן אָפּ דעם טאָג
און דעם בין השמשות קלויבן
צו דער נאַכט אַראָפּ.

ביי אַ פענצטער קוקן אויגן
איינזאַם צו דער ווייט —
נאָך אַ טאָג איז שוין פאַרפלויגן
צו דער אייביקייט.

פאַרגעס נישט אין פרילינג

ווען דיינע האָר איך האָב דערזען
מיט ווייסן שראָן פאַרצויגן,
האָב איך אויך דערזען
געבעט אין דיינע אויגן:
פאַרגעס נישט אין פרילינג, מיין קינד.

פאַרגעס נישט אין פרילינג
אויך אויף האַרבסטיקע וועגן,
ס׳איז לייכטער צו שפּאַנען
דורך פלאָגעס און דורך רעגן
מיט אַ פלעמעלע פון פרילינג, מיין קינד.

אויב קומט ער, דער האַרבסט,
דיין פרילינג דיר צעשטערן —
פאַרברען אין דיינע אויגן
אַלע האַרבסטיקע טרערן;
זאָל דיין פרילינג זיין אייביק, מיין קינד.

בלויע טויבן

ניין, מיין קינד, קיין בלויע טויבן
זענען נישטאָ.
דאָס האָבן זיי דיכטער
אויסגעטראַכט.
און אויך דאָס: אַז ס׳קומען
שטערנדלעך ביי נאַכט
און ברענגען זיי גרוסן
פון אַ פאַרהוילענער וועלט.
נאָר
ווען איך זע
אַ בליק צעהעלט
מיט אַ נישט־דאָיִקער שיין,
הער איך אַליין
שטערנדלעך שעפּטשען און ברומען;
זיי פילן אָן דאָס צימער
מיט אַ ליכטיקן קומען,
און בלויע טויבן,
ווי תכלת בלוי,
שוועבן אַרום
אין דעם ליכטיקן גבול,
און עס גלעט זיי מיט דינע פינגער
דער געבענטשטער זינגער.

האַרבסטטאָג

נעם דעם טאָג
און לייג אים שלאָפן —
זעסט דאָך: ער איז מיד.
גרוי־געדיכטע
רעגן־טראָפּנס
פּענטען זיינע טריט.

גייט דער טאָג
אין שווערן נעפּל
שלעפּעריק און קרום,
קאָלערט אַ פּאַרפוילטן
עפּל
אין אַ ראָד אַרום.

ס׳האָט דאָס ראָד
אַ קליינעם קוילעך
און דער טאָג איז קראַנק;
אָט־אָ שלאָפט ער איין
פּאַמעלעך
אויף דיין ווייסער האַנט.

קומט דער אָוונט

קומט דער אָוונט צו צום פענצטער
אומעטיק און גרוי,
ווײַנען שויבן און זיי בענקען
צו דעם הימלבלוי.

ווײַנען שויבן און זיי בענקען,
קומט די נאַכט צו גיין
און מיט שטילן שטערן־שימער
וויגט זי שטום זיי אײַן.

שלאָפן פינצטער אַלע פענצטער
אין דעם גרויסן הויז,
נאָר פון איינעם, גרויס פון מורא,
בענקשאַפט קוקט אַרויס.

בליצט און שרײַט פון דאָרט די בענקשאַפט —
קיינער הערט אין הויז.
לעשן זיך פון צער די שטערן
אין דעם הימל אויס.

*

ווייט אויפן ים
גרויט אַ פעלדזיקער שטיין —
אַן אינדזעלע חלומט
אין רויש פון די כוואַליעס,
שפּיגלט זיך שטיל
אינעם וואַסער אַליין
און בויט אין די טיפן
קרישטאָלענע סאַלעס.

עס קומען דאָרט מענטשן
מיט רוישיקן שפּאַן
מיט נייגער צו ווייטע
פּיקאַנטע פּייזאַזשן,
אין הויז, וואָס איז איינציק,
אין שטיין דאָרט פאַראַן,
פאַרקויפט מען פאַר געלט
אַלטע מעשׂיות — מיראַזשן.

ווען ס׳שטורעמט דער ים —
די מיראַזשן אַליין
פאַרוואַנדלען דעם היטער פון הויז
אין אַ שטיין.

אין שטילקייט מיט זיך אַליין

אַלץ איז געווען שוין
און אַלץ וועט נאָך זיין.
פאַרנעם עס מיט גלויבן
אין זיך אַליין.

שפּאָן איין דעם חלום
אין ליכטיקע רייד;
אַריבער דעם פאָדעם
פון אומעט און פרייד.

דאָס אַלץ, וואָס געשעט
אין דער איצטיקער שעה —
מיט דיר איז געבונדן.

— ווייל איצט בין איך דאָ?

און אויב כ׳וועל נישט זיין אין די שפּעטערע טעג?

— וועט בלייבן דיין אָטעם
נאָך אַלץ אויף דעם וועג,
וווּ דו האָסט געשפּאַנט
מיט דיין אייגענעם קול —
פון ווייטן אַמאָל,
צו אַ ווייטן אַמאָל.

פאַרנאַכטיקע שעה

האָסטו געזען ווען
דעם וואַלד לעבן טייך,
ווען זון נידערט שטיל
רויטגאָלד און וויאָלעט
און ס'נייגן די ביימער
זיך צו צו איר גלעט,
פון לעצטע, פאַרגייענדע
שטראַלן פון זון?

האָסטו געהערט ווען
דעם פייגל-געטריל,
וואָס פאַרוויגט דעם וואַלד
צו זיין נאַכטיקן שלאָף?
געדיכט קליינע קוסטעס,
ווי דרעמלענדע שאָף? —
דער וואַלד חלומט איין דעם געטריל
אויפן טייך.

האָסטו גערוט ווען
ביי אָט יענעם טייך,
ווען וואַלד אָטעמט אוים
די פאַרנאַכטיקע שעה?
די אייביקייט פינקלט
אויף הימל אין-סוף
און ס'ליכטיקט אַ קול:
„זע, איך בין דאָ!"

וויג איין דעם טרויער

וויין נישט, מיין קינד,
אַז דער האַרבסט איז אַ גרויער
און רייסט אָפּ דעם זומער
מיט רעגן און ווינט.

פאַרוויג מיט אַ ניגון
דעם אַלט-קראַנקן טרויער;
דערצייל אים,
אַז איבער די וואָלקנס אַרויף,
איז שטענדיק אויף שטענדיק
דער הימל אַ בלויער,
דאָרט קיניגט
דאָס אייביקע ליכט פון אין-סוף.

אין נעכט ווען דער הימל
מיט אַש איז פאַרקנאָדערט,
אַ בלייערנע דעק פילסטו
איבערן קאָפּ,
די שטערן — זיי פינקלען,
ווי גאָט האָט געפּאָדערט,
און קומען אין חלום
דורך וואָלקנס אַראָפּ.

עס ווען מלאכים
מיט קלאָר־ווייסע פליגל
צעטרייבן די כמאַרעס
און ליכטיק ווערט זיין.

דערווייל ליוליע איין
דעם האַרבסט מיט אַ ניגון,
דעם אַלטן־קראַנקן טרויער
פּרוּוו אויך פאַרוויגן,
דערצייל אים:
אַז איבער די וואָלקנס אַרויף
איז שטענדיק אויף שטענדיק
דער הימל אַ בלויער,
דאָרט קיניגט דאָס אייביקע ליכט
פון אין־סוף.



מיט מיין באָבעשי

א

מיט מיין באָבעשי —
(איך אַ ליכטיקן גן־עדן)
אין טשיפּיקל מיט פליטערלעך,
געוועבט פון דער זון —
געדענק איך אַ שבת נאָכן עסן
אונדז ביידן
פאַרטיפט אין דער מעשׂה
פון יהושע בן נון.

נאָך דעם טויט פון משהן
מיר האָבן שוין געהאַלטן —
גאָט האָט שוין איצטער
צו יהושע גערעדט.
אויף אַ ווײַלע מיר האָבן
דאָס לערנען פאַרהאַלטן —
ס'האָט די באָבעשי מיט ליבשאַפט
מיין הענטל געגלעט.

זי האָט מיך געמונטערט
און אַליין אָנגעהויבן:
„מ'דאַרף לערנען תורה
ביי טאָג און ביי נאַכט"...
אין דער באָבעשים פּנים
געקוקט כ'האָב מיט גלויבן

און אין פאַרכטיקער אַנונג
געבליבן פאַרטראַכט.

משה רבנו! ס׳געשטאַלט זיינס איז מעכטיק,
כאָטש מיד שוין פון יאָרן,
זיין פנים — שטרענג און אויך מילד,
ווי אַ פאָטער קען זיין.
זיין באָרד, ביזן גאַרטל, אין וואַנדער
ווייס איז געוואָרן —
די זון גייט צו מערב
און הילט אים אין פלאַמיקער שיין.

צוויי בלענד־זיילן ליכטיק
פון קאָפּ זיינעם לייכטן.
זיין מאַנטל איז גרוי און לאַנג,
באַלאָדן מיט ווינט.
איך זע ווי ער גייט
דעם באַרג נבו צו דערגרייכן;
גאָט רופט אים צו זיך
דאָס לעצטע מאָל שוין אַצינד...

פון הימל די זון אויף רויטגאָלד
צעגליט דעם אָרום.
דאָס זאַמד אינעם מדבר
שׂרפעט און ברענט זיינע טריט.
די יידן — פאַראומערטע מחנות —
אין טאָל בלייבן שטום
און קוקן — ס׳גייט משה אַוועק —
מיט וויי אין געמיט.

אין מדבר ווערט שטיל,
אויך דער ווינט שטילט זיך איין.
אַ וואָלקן פאַרציט אַ מחיצה —
נישט זיין זאָל געשטערט
דער גואל, וואָס גייט
צו זיין אייביקן זיין.
אַ בליץ שניידט דעם וואָלקן אַדורך,
עס ציטערט די ערד.

ב

דער באָבעס טשיפּיקל זיך מיניעט
מיט די שענסטע קאָלירן;
די בלויע פעדעמלעך אין אים
זענען שבת און רו.
צו „דברים" דער באָבעשי
כ'פּרווו צוריקפירן,
און מילד זי נעמט פרעגן:
ווו האַלטסטו, ווו?

„... און גאָט האָט געזאָגט:
דאָס איז ס'לאַנד, וואָס איך האָב געשווירן
צו דיינע אבות,
נאָר אַריבערקומען וועסטו נישט..."
כ'האָב אין מיטן דעם המשך
אין גאַנצן פאַרלוירן
און געקוקט אויף דער באָבען
מיט אַ פאַרטרערטען בליק:

— פאַר וואָס, באָבעשי, זאָג,
איז עס משהן געקומען
ער זאָל נישט באַטרעטן
דאָס הייליקע לאַנד? —
די באָבעשי האָט מיך
שטיל אַרומגענומען,
וואַרעם און ציטריק
געווען איז איר האַנט.

די באָבעשי רעדט
מיט צעשמייכלטע אויגן:
דער רצון פון הקדוש ברוך הוא
איז איבער אַלעם צו זיין;
משה פון מצרים האָט
די יידן אַרויסגעצויגן,
נאָר געזינדיקט האָט ער
מיטן שלאָגן דעם שטיין.

אַ שטיין איז אַ שטיין,
נאָר מען דאַרף אויכעט וויסן,
אַז זיין ליבער נאָמען וויל
איז אין שטיין אַ נשמה דאָ —
די באָבעשים רייד,
די ליכטיקע, פליסן
און ריזלען אין מיר
דורך דער לויטערער שעה.

ג

דער באָבעשים טשיפּיקל —
פינקלט מיט שטערן.
פאַר וואָס זאָגט זי נאָך אַלץ נישט
„גאָט פון אברהם״?
די שבת-מלכה איז אַוועק,
(וואָס וועט די וואָך באַשערן?)
און די שאָטנס שוין שוועבן
אין דער שטוב אַרום.

די שלוש סעודות אין עסשטוב
איז לאַנג שוין פאַרענדיקט;
מען הערט נאָך פון דאָרטן
ברומען אַ ניגון.
דער טאַטעשי וואַרט מיט הבדלה,
ווי שטענדיק,
אויף דער באָבען; זי דרימלט,
מלאכים איר וויגן.

די באָבע ווי אַ טויב,
זי וועקט זיך אויף
מיט אַ ליכטיק פּנים
אין אַ געלייטערטן שמייכל:
— כ׳בין מיט דיינע טרערן, מיין קינד,
אין הימל אַרויף
און געברענגט דיין טענה
פאַר גאָט אין זיין היכל...

וואָס מען האָט איר אין הימל געזאָגט,
בין איך נישט דערגאַנגען —
מיין באָבעשי איז דאָרט
געווען בלויז אַ גאַסט —
נאָר איך האָב געוואָלט
צו די שטערן דערלאַנגען
און פון זיי שפּינען אַ קרוין —
זי וואָלט מיין באָבעשי געפּאַסט.

זיי אַ ווײַלע שטיל

זיי אַ ווײַלע שטיל, מײַן שוועסטער,
און צעשטער נישט אָט די רו —
אויף צעגרינטע בערג, די העכסטע,
פֿלאַטערט אום אַ בלויע שעה.

לויף איך אויף געדרייטע וועגן,
זי צו פֿאַנגען אין איר בלענד,
נאָר איך קען זיך נישט דערפֿרעגן
וווּ איר פֿלאַטער איז געווענדט.

ס׳נעמט זיך זון צו מערבֿ נייגן,
צינדט זי אָן דעם ווײַטן ים.
כ׳בלײַב אין מיטן וועג אין שווײַגן —
אַ פֿאַרלאָשענער ווולקאַן.

זיי נישט ברוגז, ליבע שוועסטער,
וואָס כ׳צעשטער דיר הײַנט דײַן רו —
אויף צעגרינטע בערג די העכסטע,
כ׳זוך נאָך אַלץ די בלויע שעה.

אין די שטעט אין די גרעסטע

איך שרייב צו מיין שוועסטער אין ווייטע מקומות:
כ׳וויל וויסן דיין וואָר און אויך דיינע חלומות.

אַז דו ביסט אין ווייטן, און איך בין אין ווייטן —
ווער אפשר אַ בריוול די נאָנטשאַפט פאַרבייטן?

שווער איז אַ שוועסטער צו זיין אָן אַ שוועסטער,
זיך פּלאָנטערן איינזאַם אין שטעט אין די גרעסטע,

און וואָגלען אויף גאַסן, און זוכן דיין פּנים
און זוכן פון היימישער ליבשאַפט סימנים.

פאָרן אין מעטראָס מיט טויזנטער אויגן
און בלייבן אין מענטשישע קנוילן פאַרלוירן.

קומען צום אייגענעם הויז און אויף שטיגן
טרעפן די איינזאַמקייט טרויעריק ליגן,

און וואַרטן אויף דיר, און דיר העלפן ביים שליסן
דיין אייגענע טיר. און וויסן, און וויסן:

די איינזאַמקייט איז דאָ אויף שטענדיק פאַרבליבן,
אַפילו ס׳האָט עמעץ אַ בריוו דיר געשריבן.

Marek Halter

פרעג נישט

פרעג נישט פון וואַנעץ איך קום.
פרעג מיך נישט ווו כ׳בין געווען.
דער אומעט — ער איז אומעטום,
אין אויגן ביי מיר קענסט אים זען.

פרעג מיך נישט ווו אַהין איך גיי.
ווו כ׳וועל מאָרגן זיין, אויך נישט פרעג.
עס טראָגט יעדער מענטש טיף זיין ווי
און פלאַסטערט מיט אים אוים זיין וועג.

אַ מאָל טרעפט: אַ פויגל-געטריל
פאַרוויגט דיך; אַ שמייכל צעבליט,
דערוועקן פאַרלאַנגען זיך שטיל,
וואָס ס׳לעבן האָט נאָך פאַרהיט;

אַן עכאָ פון וויטן אַמאָל
עס ברענגט דיין דערמאָנונג צוריק,
אַ לויטערע טרער, ווי קרישטאָל,
צעפינקלט אַ ווײַלע דיין בליק.

אַ גרויער מענטש

ביים ברעג פון דער סען
אַ גרויער מענטש איז געגאַנגען,
זיין פאַרלוירענער בליק —
אין אַ נעפּל פאַרהאַנגען.
זיין שאָטן דעם פאַרלוירענעם
בליק האָט גענומען;
ס׳האָט נישט קיינער געזען
ווי ר׳איז מיט אים אַנטרונען.
קיין עכאָ איז אויך נישט
פון זיינע טריט פאַרבליבן;
ס׳וואַסער פון דער סען
האָט דאָס נישט־בלייבן פאַרשריבן.

דער שיכור

דער שיכור, וואָס שטייט דאָרט ביים ראָג,
פילט מער נישט פון קערפּער זיין וואָג,
וויל מער שוין אין ערגעץ נישט גיין,
פילט מער נישט אַז ער איז אַליין.
קיין היים האָט ער אפשר, קיין ווייב?
דאָס העמד איז אים פרעמד אויף זיין לייב?
און אפשר האָט ער גאָר קיין העמד,
און ס'אייגענע לייב איז אים פרעמד?
און ס'אייגענע האַרץ איז אים שווער? —
ער וואַרפט עס צו פוס דער לאַמטער.
אַזוי אויסגעליידיקט און שטום,
ער האַלדזט די לאַמטער פעסט אַרום.

ווידער אַ זומער פאַרביי

ווידער אַ זומער פאַרביי,
און ווידער איז האַרבסט אויף דער גאַס.
ס׳איז אַלץ שוין געווען, ס׳איז נישט ניי —
דיין פּנים איז מערער היינט בלאַס...

עס שרעקט דיך דער האַרבסט, וואָס קומט אָן,
עס שרעקט דיך דעם זומערס פאַרגיין —
מיט זומער האָסט גאָרנישט געטאָן
און האַרבסט עסט אין דיר זיך אַריין.

דו שפּאַנסט איבער בלעטער־געפאַל
און שמייכלסט: אַ טעפּיך פון גאָלד.
דורך רעגן עס פאַלט נאָך אַ שטראַל,
האָסטו אים פאַנגען געוואָלט.

אַ ווינט רייסט זיך אַפּ מיט געוווי,
בלאָזט ער דעם טעפּיך אַוועק,
און ס׳וויינען די בלעטער אַזוי,
ווי זיי וואָלטן פאַרשטאַנען דיין שרעק.

נעם דעם יאָך אַראָפּ פון מיר

נעם דעם יאָך אַראָפּ פון מיר,
דעם יאָך פון שווערע יאָרן.
ברענג דיין האָלצן פערדעלע,
כ׳וויל ערגעץ מיט דיר פאָרן.

אָדער ברענג דיין שליטעלע
אויף ווייסע, קלאָרע שנייען,
און מיר וועלן ווידער באַלד
שליטלען זיך אין צווייען.

שפּעטער וועל איך, אויך מיט דיר,
אַ גרויסן שניימענטש מאַכן,
ס׳וועט דער ווינט אַ פריילעכער
צוזאַמען מיט אונדז לאַכן.

זון וועט בלענדיק אויפן שניי
זיין מיט אונדז צוזאַמען;
דו וועסט ווידער זיין אַ קינד
און איך וועל זיין דיין מאַמע.

נעם מיך, ים, אַרום

נעם מיך, ים, אַרום,
טוליע מיך און גלעט,
מיין נישט — כ׳בין צו פרום,
מיין נישט — ס׳איז צו שפּעט.

מיין נישט — כ׳האָב געלאָזט
ס׳לעבן אין אַ זייט —
ס׳לאָקט דער ווינט, וואָס בלאָזט
פון דער ווייטער ווייט...

שווימען אויף דיר, ים,
צו אַ צווייטן ברעג,
אָנצינדן דעם פלאַם
פאַר ברויזנדיקע טעג;

פון אומעטיקע נעכט
פאַרגעסן אין דיין שוים —
אין דיינע אָרעמס פלעכט
מיך איין און גלי מיך אוים.

*

אויף יענער זייט באַרג
פאַרגייט די זון.
וועל איך גיין
אויף יענער זייט באַרג
און פאַרשווינדן
אין דער זון.

נאָר יעדן פרי
וועל איך צוריק אויפגיין,
זיך אָנצינדן,
אויפשיינען צוריק
און אַריינלייכטן
אין יעדנס אויגן
אַ ביסעלע גליק.

עס רויכערן די בערג

1

עס רויכערן די בערג —
ס׳איז מיר אומעטיק, מיין פריינד.
די זון האָט קיין שליטה היינט
איבער די וואָלקנס נישט געהאַט.
זיץ איך צווישן בערג,
ווי אין אַן אָדלער־נעסט.
עס שרעקט מיך מיין האַרץ,
וואָס בענקט און מאָנט —
זון און פרייד.
דער זומער פאַרגייט ;
ער וועט זיך לעשן
אין זילבערנע האָר,
ווי אַ שמייכל
צו דער גרויער וואָר.

2

איר זיצט אַנטקעגן מיר
און פאָרשט מיין פּנים.
וואָס פאַרא סימנים
זוכט איר
אין מיינע אויגן?
מיין פרילינג
איז לאַנג שוין פאַרפלויגן,
נאָר עס גאַרט אייך
מיין יונגער שמייכל.
איר, וואָס ווילט גלאַנצן
מיט וויסן און שׂכל
פרוּווט איבער מיר
אַ נעץ פאַרציִען —
כאָטש אייערע בליקן גליִען,
איז אייער האַרץ פאַרמאַכט...
האָט זיך אין מיר
דער כאָכליק צעלאַכט;
דער זעלבער, וואָס וויינט
אויף מיין אומעטיקן היינט.

3

מיין שטאָלצן גאַנג
ווילט איר מיט די בערג פאַרשטעלן,
לויף איך אַלץ העכער
און שפּאַן זיי אַריבער.
אייערע באַגערן
ווערט סיי ווי אָטעם פאַרפעלן
און דעם פיבער פון אייערע בליקן —
וועט איר אַליין שוין דערשטיקן,
און מאָרגן,
ווי חשובע מענער,
פאַר מיר זיך פאַרנייגן
און שווייגן.

וואָס איז דער עיקר?

נישט דאָס איז דער עיקר,
נישט יענץ איז דער עיקר,
דער עיקר דאָס לעבן
זאָל מאַכן דיך שיכור,
און וויסן: ס׳איז עמעצער דאָ,
וואָס וויל וויסן
דיין טאָג און דיין נאַכט
און אויך דיינע קאַפּריזן,
און וויל דיך פאַרשטיין,
און וויל דיך באַנעמען,
און דאַרפסט זיך פאַר אים
מיט גאָרנישט נישט שעמען.
פון דעם נאָר אַליין
אין לעבן זיין שיכור.
דאָס איז דער עיקר,
אוי, דאָס איז דער עיקר.

*

דאַכט זיך —
דו האָסט זיך אין מיר גענאַרט.
עס קוקן דיינע אויגן פאַרשטאַרט,
מיט אַ בייז פלעמל אין זיי.
דיין ליפּ איז פאַרביסן,
נאָר איך הער דאָס געשריי
פון דיין בלוט.
צי ווייסטו,
אַז אויך אַזוי איז גוט?

כ׳וועל קומען צו דיר

כ׳וועל קומען צו דיר,
ווי די שבת-מלכה צו מיין טאַטן,
דיך אָנטאָן אין בגדי-מלכות
פון פרייד.
כ׳וועל אַלע קנייטשן
פון דיין פנים פאַרגלעטן,
דיין בליק זאָל פינקלען,
ווי בראָקאַט און ווי זייד.
ווען דער שבת וועט פאַרגיין
וועלן מירביידע הערן
גאָט פון אברהם
אין מיין באָבעס צערטלעכע רייד.

*

ווײל מיך נישט קושן!
כ׳ווײל בעסער זאָלסט הערן
דעם האַרציקן פּלאַפּל,
וואָס לאַכט צו די שטערן
און דעם פּליעסק פון טײַך
ווו גילדענע פישעלעך שווימען.
ווען די שטערן וועט פאַרשלינגען
דער באַגינען,
וועלן מיר קלאָרע בליקן
אין וואַסער טובלען,
און מיט אונדזער שמייכל זיך קוויקן.

צום ערשטן פרילינג

דו האָסט היינט צעצונדן
פרייד אין געמיט.
אין בלוט עפּעס זידט —
אין צאַפּל פאַרבלענדט.
ס׳האָט מיין הויט דערקענט
די גלוסטונג פון דיין האַנט
דורך דעם געוואַנט
פון מיין קלייד.
דער יום־טוב פון דיינע רייד
פינקלט אין דיין בלויען בליק.
קום,
כ׳וועל דיך פירן
צום ערשטן פרילינג צוריק.

רוף מיך

דער סטעמפּל פון דיין בליק
איז אויף מיין פּנים פאַרבליבן;
דאָס וועט זיין
דער אייביקער צייכן,
וואָס קיינער וועט אים נישט
אויסשטרייכן.
איך הער דיין קול —
רוף מיך, רוף מיך
נאָך אַ מאָל.

קוק נישט אויף מיר

קוק נישט אויף מיר
מיט געשליפענע גלעזער
פון חכמה און פאַרשן.
קוק אויף מיר פשוט
און פּראָסט,
ווי אַ דאָרשטיקער קוקט
אויף וואַסער אַ גלאָז;
זאָל דאָס וואַסער דיר זיין —
בורשטינענער וויין.

אין דיין טרינקען
כ׳וויל פילן
דעם דאָרשט און די קראַפט —
פון פרישע טרויבן
דעם זאַפט.

*

דו זאָגסט איר —
דו,
כאָטש קענסט זי
צוויי שעה,
דו קוקסט איר אין פּנים
און זוכסט אין איר רו.
דיין קאָפּ אויף איר שויס;
(זי קען דיך צוויי שעה?)
זי גלעט אים פאַרטראַכט
און פילט פון אים אויס —
דער זומער איז דאָ.
עס שענקט דער פאַרנאַכט
אַ היים-רויטע בלום —
זי קען דיך צוויי שעה.
זי נעמט דיך אַרום.
לבנה שווימט אָן
מיט זילבער-געשאַנק;
דאָס צימער ווערט בלאָ
און דו
ביסט אויך דאָ;
איר גוף פילט זיך אָן
מיט אַ שטילן געזאַנג.

זי ווײל נישט

זי ווײל נישט דו זאָלסט קומען —
און זי רופֿט דיך.
זי ווײל דיך מער נישט זען —
און זי זוכט דיך.
זי ווײל נישט דײַנע רייד מער —
און זי הערט זיי.
זי ווײל נישט דײַנע בליקן —
און זי גאַרט זיי.

דו דריקסט, דערדריקסט איר ווילן;
ס׳איז דערווידער,
דאָך קניט זי פֿאַר איר בענקשאַפֿט
היים אַנידער,
זי וואָלט אַזוי אַן אייביקייט
פֿאַרבלייבן,
צו קענען צו דײַן האַרץ זיך
שטיל דערקלייבן
און פֿילן: ס׳איז אויך ליבשאַפֿט דאָרט
פֿאַראַנען,
וואָס איר טרויער
האָט פֿאַרשטאַנען.

דער שיכורער ים

האָסט מיך אויסגעטאָן
פון מיין וואָכעדיק
קלייד,
און מיר אָנגעטאָן
דיינע וואַרעמע
הענט.
דער בליץ
אין מיין בלוט האָט געפיבערט,
געבלענדט.
דיינע ליפּן
האָבן מיינע געפונען
און איך בין אַנטרונען
אין דער נאַקעטער וואָר.
האָסט דיין פּנים
דערטרונקען
אין מיינע האָר.
שיכור האָסטו געשטאַמלט —
איך ווייס נישט וואָס.

דער גילדענער כוס,
פון זוניקע שטראַלן
האָט זיך אָנגעפילט
און איבערגעגאָסן.
דער ים
אין זיין שיכרות
איז געפלאָסן,
געפלאָסן.

צאַפּלדיק לעבן

אין דעם רייץ
פון צאַפּלדיק לעבן,
זון־האָזן שוועבן
אַרום די אויגן
און מען ווערט דער שווימער
אויף גילדענע שטראַלן.
אַלע וואָלקנס צירן זיך
אין רעגן־בויגן,
ביז דער מיראַזש ווערט פאַרפאַלן —
צו דער הוילער וואָר.
דער צויבער
ווערט צערונען —
מען קען אים זוכן
און נישט געפינען.

מיין גאָרטן

דעם זין פון דיינע רייד האָב איך אין גאַנצן נישט באַנומען,
און דאָך — אַ טיפן צער און ווי איך האָב אין זיי דערקענט.
דיין שאָטן אין מיין איינזאַם צימער פלאַטערט אויף די ווענט,
מיין טראַכטן וועגן דיר האָט אויף מעת־לעתן מיך פאַרנומען.

זוניקט ערגעץ־ווו די פריינדשאַפט אויף אַ בלויען האָריזאָנט?
צאַפּלט זיך דער אויפגאַנג נאָך פון פלאַמיקע געפילן? —
קונציק, ווי אַקטיאָרן, וועלן מיר אַ לעבן שפּילן
און דער אמת פונעם פּנים וועט פון קיינעם זיין דערקאַנט.

דער בין־השמשות נידערט שוין אַראָפּ אין גרינע טאָלן,
און בלויז די הויכע בערג נאָך טראָגן זון אויף שטאָלצע קעפּ.
מיט אייביק יונגע שטרויכלונגען — צי מוז מען שטענדיק צאָלן

פאַר אויפשטייג אין דער ליכטיקייט, אַריבער קלאָרע טרעפּ?...
איך וועל די טרוימען מיינע איצט פאַרפעלדזן און פאַרשטאָלן
און פלאַנצן כ׳וועל מיין גאָרטן אין די קליינע בלומענטעפּ...

צו בערגיקע הייכן

יעדערעס וואָרט דיינס און וואַרעמער בליק, וואָס צו מיר איז געווענדט ;
דיין קומען צו מיר מיט פרייד פון „גוט מאָרגן" אויף ליפּן צעקוועלט,
איז אַן אינדזועלע בלוי — אויף הימל מיט שוואַרצע כמאַרעס פאַרשטעלט ;
דער אומעט, וואָס טיף איז זיין וויי, ווערט היינט דורך דיין שמייכל פאַרבלענדט.

קום, ליבער, מיט מיר צו די בערגיקע הייכן, גיב מיר דיין האַנט.
דאָרט, ווו עס ווינען די אָדלערס מיר וועלן פאַרלייגן אַ נעסט.
די שענסטע מלאכים פון הימל זיין וועלן אונדזערע געסט,
די סודות פון שלימות מיר וועלן אַנטפּלעקן מיט זיי באַנאַנד.

קום, קום! ס׳וועט קיינער נישט וואַגן אונדז שטערן דעם זוניקן גאַנג.
דער ווילן צו גרייכן, דערגרייכן, לייכטער וועט מאַכן דעם וועג.
און אויב וועסט אַן אומרו דערפילן: דער וועג צו שווער איז, צו לאַנג,

וועל איך דעם פרילינג אין בלִיען פאַרהאַלטן — פאַר דיר נאָר אַליין ;
דו וועסט צעשפּרייטן די פליגל צו דיינע אומשטערבלעכע טעג
און שמידן דעם ציל אינעם פעלדזענעם דויער: גיין און דערגיין.

זאָג נישט

זאָג נישט כ׳האָב דיך אָפּגענאַרט
און נאַר דיך ווידער.
זאָג נישט, אַז כ׳צעטרענצל מיינע
לעצטע זומערטעג.
אויב דו פילסט אַ צאַפּל נאָך
אין אַלע מיינע גלידער,
געהערט עס צו אַ בלויער נאַכט —
געדענקסטו יענעם וועג?

געדענקסטו נאָך די הויכע טרעפּ
פון מאַנמאַרטר דעם צעשפּילטן?
דעם „פּלאַס די טערטר״ וואָס רענואַר
פאַראייביקט האָט אין בילד?
די מאָלער? די טוריסטן?
אין אַ הונגער נישט געשטילטן
נאָך ליבע, וויין און לידער,
אין נאָסטאַלגיע איינגעהילט.

✶

אונטער ווייסן סאַקרע־קער
קרעלן זיך צעשיטן —
מיר וועלן דאָ נאָך קומען
און זיי זוכן ווי אַ נס.

און אויכעט דאָס, וואָס ריזלט נאָך,
אין אונדזערע געבליטן
און קייקלט זיך אַריין
אין אַ פאַרהוילענעם מעת־לעת.

*

טאָ זאָג נישט, כ׳האָב דיר צוגעזאָגט
אַ לויכטנדיקן שטערן —
דעם שטערן האָט אַ וואָלקן
אין אַ טריבער נאַכט פאַרשטעלט.
דאָס, וואָס כ׳האָב געוואָלט פון דיר
דערפילן און דערהערן,
האָסטו אין דיין האַסטיקייט
פאַרמיטן און פאַרפעלט.

גיי איך היינט צוריק אַליין
און וויים: עס איז פאַרפאַלן
אַ חלום, וואָס אין וואָר וואָלט איך
אים סיי ווי נישט דערקענט.
אין בין־השמשות גליִען נאָך
די לעצטע פורפור־שטראַלן,
לויף איך צו זיי וויליק
און איך ווער אין זיי פאַרברענט.

אויף וועלכן וועג?

דאָרט, אויף יענער זייט האָריזאָנט,
בין איך נישט געווען —
עס האָט אונדז
דער ים צעטיילט.
איך הער די רוישיקע כוואַליעס
נישט צו וויסן
וואָס דער ים דערציילט.
פאַר נאַכט — אַנטלויפט דער ים,
גיי איך אים נאָך
ווייט, ווייט.

כ׳האָב צו יענער זייט האָריזאָנט
די הענט אויסגעשפּרייט,
כאָטש כ׳אַן,
אַז דאָרט
ביסטו אויך נישט פאַראַן.
אויף וועלכן וועג קען איך
דיך געפינען?
אָדער פון דיר אַנטרינען?

אויף דעם וואָס איך וואַרט

אויף דעם, וואָס איך וואַרט, האָט אַ גילדענעם בליק,
נאָר ליפּן אין שמאָלן שמייכל פאַרשלאָסן.
איך וואָלט אים דעם שמייכל געוואָרפן צוריק,
האָט ער זיך אין פליסיקן זילבער צעפלאָסן
און קען נישט דערגרייכן די בלענדיקע בריק,
וואָס הוידעט זיך הין און צוריק מיט פאַרדראָסן.

איך זע אים אַ מאָל אין אַ שטורעם ביי נאַכט,
איך זע אים אַ מאָל צווישען וואָלקנס באַגינען,
נאָר שטענדיק זיין מויל איז אין שווייגן פאַרמאַכט —
דעם זאַפט פון אַ קאַרש וועט ער מיר נישט פאַרגינען.
אַ מאָל איז זיין פּנים מיט אייפער פאַרטראַכט
און פרעגט זיך צו וואָס פּאַראַ ברעג כ׳וועל דערשווימען...

איך זאָג אים: פון דיר און צו דיר כ׳גיי און גיי —
נאָר דו האָסט מיר טראַציק פאַרנעפּלט די וועגן.
דער אָדלער, וואָס פלאַטערט אַרום פראַנק און פריי,
וועט ער זיך אויך אפשר אַ מאָל אויף מיר פרעגן?
ביי אים יעדע טרעפונג איז לאָקנד און ניי —
און איך אין זיין שאָטן נאָר גיי אים אַנטקעגן.

ביים סאַקרע־קער

די זון
צו מערב זיך נייגט
און נעמט אונדז מיט;
אַ וווּנדער
אויף בלויע פליגל
באַגלייט
אונזער געמיט;
אַ גרינעם טרוים
גלעטן מיר
מיט ציטריקע פינגער
און יעדער
באַזונדער
שווימען מיר אַראָפּ
די טרעפּ
פון ווייסן סאַקרע־קער;
זיי וועלן מיך שטענדיק
רופן אַהער
צו הערן דיין קול
פון אונדזער
היינטיקן אַמאָל.

מיט דיין אייגענעם חלום

ווער איז דער חלום,
וואָס דו האָסט געחלומט?
אין חלום געזען זיך
אַליין ווי אַ חלום.

געוואָלט אין דעם חלום
אויך זיין, ווי אַ חלום,
פאַר דעם, וואָס איז שטענדיק,
דיין שטיל-שטילסטער חלום.

דו צערטלסט דעם חלום,
און צירסט זיך אין חלום,
און נערסט זיך אַליין
מיט דיין אייגענעם חלום.

כ׳בין געווען אין דיין שטוב

כ׳בין געווען אין דיין שטוב
און דיך נישט געטראָפן —
אַלץ איינס האָב איך דיך
אַזוי בעסער געפילט
און דיך איינגעהילט
אין אַלע מיינע פאַרלאַנגען.
דער נעפל איז צעגאַנגען
און אונדז ביידע באַפרייט
פון אַלע ווידעראַנאַנדן,
און ביי די ראַנדן
פון אַנטרונען
האָב איך דיך
צוריק געפונען.

רעד מיר נישט פון רויזן

רעד מיר נישט פון רויזן;
זיי האָבן צו פיל געשטאָכן
מיינע הענט.
דאָס רויטע בלוט
זידט נאָך און ברענט
פון זיי צו מיר.

זייערע סאַמעטענע בלעטלעך
ווילן מיך
מער נישט גלעטן.
בעט איך דיך
און וועל דיך ווייטער בעטן:
רעד מיר נישט
פון רויזן.

פון ימיקן געמיט

וואָס בענק איך נאָך דיר,
אויף וואָס וואַרט איך?
ווייל דער ים פליסט אַוועק
און קומט אויך צוריק?
וועלכע רייד פון דיר
דערוואַרט איך
צו שטילן דעם פיבער
פון אַ צעהוידעטער בריק?
וואָס פאַראַ כוח
באַדאַרף איך,
כ'זאָל איינציק נאָר זיין
אין דיינע אייגענע טריט?
איך שטיי ביים ים
און פאַרוואַרף זיך
אַליין די נעץ
פון ימיקן געמיט.

דיינע זילבערנע פינגער

פון דיינע זילבערנע פינגער
פליסן פרישע טויען אויף מיין פנים.
אין דיינע ליכטיקע אויגן
שפיגלט זיך מיין געזיכט.
דיינע רייד —
פון פאַרלוירענע וועגן סימנים.
דיין שמייכל —
ווי אַ זעונג — אומגעריכט.

אין מדבר אַנטפּלעקן זיך
מיראַזשן — וווּנדער,
פאַרחלשט עס פאַלט דאָרט
פון חלומות
דער באַזינגער;
די וועלט וועט טומלען
אָן אים.
נעם צו דיינע זילבערנע פינגער
פון מיין פנים.

צו מיין ערשטן געוויין

דער גילדענער פאָדעם
פון דיר צו מיר
גרוי איז געוואָרן,
נאָר אין האַרץ,
אין זכרון
גאָלדיקט ער זיך
פון מאָל צו מאָל,
און גיט אַ ברי,
ווי אָנגעגליט שטאָל,
אין אַ פאַרלוירענעם שמייכל,
ווי אַ פאַרנאַכטיקער
זונשטראַל.
מיט מיין פנים
אויף דעם בין־השמשות איך פאַל
און גיי צוריק
צו מיין ערשטן געוויין.
די נאַכט קומט צו גיין
און וויל מיך נישט פאַרוויגן;
דער שלאָף
קנוילט זיך אויף די ווענט
און קוקט מיט רויטע אויגן
ווי מיין בעט ברענט.

איינזאַם אין צווייען

זיי זיצן ביידע ביים טיש —
ער און זי.
אויף איר פּנים —
פאַרדראָס אין גלי;
ער
לייענט אַ צייטונג —
און זי?
זי ווייסט נישט וואָס —
צי ביטער איז די טיי,
צי ביטער
איז דאָס גלאָז.

פיר מיך פון דאַנען אַוועק

פיר מיך פון דאַנען אַוועק.
אויף יעדערן שפּאַן
שטייט די שרעק
מיט פאַרנעפּלטע וועגן.
כ׳האָב נישט ביי וועמען צו בעטן,
צו פרעגן —
כ׳בין איצט דאָס קינד,
וואָס דאַרף לערנען זיך גיין;
אַליין
קען איך אפשר
אין נעפּל אַנטרינען.
אויב וועסטו נאָך וועלן
דאָ מיך געפינען,
פאַרוואָר
ס׳זאָל דער פּחד פון לעבן
אַ תפיסה מיר ווערן —
פיר מיך אַוועק
צו די שטערן.

ווען דו וועסט אַוועק

ווען דו וועסט אַוועק
וועל איך גאָרנישט נישט זאָגן —
ס׳וועט פרירן דער גליווער
פון אויפהערן זיין.
כ׳וועל איינהערן טויב זיך
אין קלאַנג פון פאַרטאָגן
און פאַלן מיט שאָטנס
אין דער נאַכט אריין.

ווען דו וועסט אַוועק —
איך וועל אויך נישט וויינען;
אין אויגן די טרערן
וועלן זיין פאַרברענט.
כ׳וועל בלעטערן דיין בליק,
אים לייענען און לייענען
און דעם תוך נישט פאַרשטיין
פון זיין ווייטער פרעמד.

ווען דו וועסט אַוועק —
איך וועל אויך נישט בעטן;
עס קען דען ווער הערן
פון שטומען ס׳געבעט?
דיין אָטעם מיט הייסע
הענט וועל איך גלעטן
און אַ בלינדע —
דיך זוכן אין ליידיקע שטעט.

זכרון

זאַמל איין מיינע טרערן

זאַמל איין מיינע טרערן, מיין גאָט,
נעם זיי אויף מיט דיין געטלעך גענאָד,
נאָר אַ ווײַלע אַנטקעגן זיי שטיי
און דיין הייליקייט שפּיגל אין זיי.
האָרך זיך איין גוט אין יעדער און הער,
וואָס דערציילט דיר אַ יעדערע טרער,
צו דיין כסא הכבוד אַליין
כ׳וועל קיין מאָל מיט ווערטער דערגיין.

יום־כיפור־ליכט

דאָס יום־כיפור־ליכט פון מיין היים
ברענט אין מיין טאַטנס אויגן —
ער שטייט, ווי דעמאָלט,
איבער מיר געבויגן;
ווי דעמאָלט,
אין ערב יום־כיפור פאַרנאַכט. —
איז ער בענטשן מיך געקומען?
זיין פנים — טויט־בלאַס,
זיינע ליפּן שטומען.
— טאַטע, בענטש מיך מיט אַ גוט יאָר!
איך זע און פיל דיך
אויף דער וואָר,
איך פיל דיינע טרערן אויף מיין פנים —
פייער־סימנים:
דו ביסט געקומען צו מיר,
כאָטש אומגעריכט,
צום יום הדין
מיט יום־כיפור־ליכט.

ס׳קומען פאָרכטיקע טעג

ס׳קומען פאָרכטיקע טעג,
מיט ווינטן באַגלייט —
די פיש ציטערן אין אַלע טייכן.

עס ציטערט נאָך אפשר
מיין באָבעס געבעט אויך
איבער אַלע הימלישע הייכן.

כ׳געדענק נאָך דעם שאָרך
פון איר קלאָר זיידן קלייד
און איר פּנים געטובלט אין טרערן.

און אויך אירע תּפילות;
ס׳האָבן ווייסע מלאכים
געטראָגן צו הקדוש ברוך הוא זיי הערן.

צי קענען אַזעלכע הייסע געבעטן
ווערן אַ מאָל דען פאַרלוירן?
ווען איך מיין אָטעם
אין זיי היינט איינהויכן
זיי זאָלן ווידער ווערן געבוירן.

אַ תפילה

אין אַלע טעג
פון מיין בענקשאַפט
איז דער הימל אַ גרויער.
רוף איך גאָט
אין זיין אייביקן דויער:
ברענג מיר אַ ליכטיק בענקען
צו מיינע שוועלן.
זאָל מיין געמיט זיך צעהעלן
און מיין זיין באַרוען.
כ׳וועל דיר דאַנקען
און לויבן, מיין גאָט,
אין די אַלע שעהען.

אלול-ווינט

דער אלול-ווינט
פון מיין אַלטער היים
רייסט זיך היינט
דורך מיינע שויבן,
און פּונקט ווי מיין טאַטע,
שטיי איך ביים פענצטער,
דאָס פּנים צום הימל געהויבן —
ווו נעמט מען זיין אמונה?
מיין באָבע האָט אירע תּפילות,
ווי ווייסע טויבן,
גלייך צו גאָט ברוך הוא געשיקט;
אויף איר פּנים האָט גערוט
די שכינה.
מיין טאַטנס פאַרבאָרגן געבעט
און מיין באָבעס טרערן
האָט היינט מיין געמיט צונויפגעקליבן;
נאָר אין מיר
איז פון דעם אַלעם
בלויז דער אלול-ווינט פאַרבליבן.

גיב אַ באַשייד

גאָט, מיין גאָט!
גיב אַ באַשייד,
צו יעדן ווי אָן רייד,
וואָס דערציילט
פון צער און טרויער.
זיין דויער
איז לאַנג און באַנג,
ווי האַרבסטיקער רעגן,
ווי מלחמה־קברים
אויף די וועגן,
ווי דאָס דין־דינע געוויין
פון אַ קראַנק קינד,
ווי דער פאַרלוירענער בליק
פון אַן איינזאַמער פרוי,
וואָס ווייס, אַז איר ליבער
וועט נישט קומען צוריק.
גאָט, מיין גאָט!
גיב אַ באַשייד
צו דעם טרויער אָן רייד.

דער איינזאַמער בוים

דו שטרעקסט דיינע הענט דורך דעם חושך פון נאַכט;
איך זע ווי דו שטייסט אין געדיכט־נאַסן רוים.
האָב איך מיינע פענצטער און לאָדנס פאַרמאַכט —
כ׳האָב מורא צו הערן ס׳געוויין פונעם בוים.

דער איינזאַמער בוים ער דערציילט מיר אַליין:
מען האָט אין אַ נאַכט דיך צו אים צוגעשטעלט.
פאַרהעמערט די לאָדנס — און כ׳הער זיין געוויין,
כאָטש כ׳האָב נאָך מיט שטאָרן די פענצטער פאַרשטעלט.

און אָט שוין איך פיל, אַז דו שטייסט ביי מיין זייט —
געהערט כ׳האָב אפילו קיין סקריפּ פון דער טיר.
דו שמייכלסט, דערמאָנסט מיך געהערטע שוין רייד
און ברומסט אוים אויף ס׳ניי אַ פאַרגעסענעם שיר.

דער ניגון מיט רעגן פאַרגייט אין געקלאָג,
דער ווינט רייסט די פענצטער אַרויס מיט געברום,
עס פאַלן די שטאָרן צעריסן אַראָפּ,
דו נעמסט מיט שקעלעטישע הענט מיך אַרום.

דורך אָפענעם פענצטער דו שוועבסט גיך אַרויס
און מיך נעמסטו מיט צו דער שוואַרצקייט פון נאַכט,
צום איינזאַמען בוים, וואָס צום הימל וואַקסט אויס —
די הימלען פון רחמים זענען פאַרמאַכט.

Marek Halter
67

וואַרשעווער געטאָ

דער פרילינג איז אויך היינט
ווי שטענדיק צעגרינט,
אַפילו אין דמיון,
אויף חורבות —
דאָס אַש וועט נישט בליִען.
איך פלאַטער אין ווינט
און ס׳שווידערט מיין לייב:
כ׳פיל אין די בונקערס
מיינע גלידער נאָך טליִען.

זענען אַלע מיינע נעכט
אין וויי, אין קאָשמאַרן,
אין אַלע מיינע טעג
הער איך דיין געוויין.
איך וויל דעם צער
מיט לעבן אָפּנאַרן,
און בלייב פאַר דיין קדושה
אַ ליידיקע שטיין.

קאַשמאַרן

א

די נאַכט ווערגט מיט שטילן געיאָמער מיין האַלדז,
די אויגן אין וויי, ווי צוויי אָפענע ווונדן,
דער חושך ער שיט אויף זיי הויפנס מיט זאַלץ,
מיט אייזערנע שטריק איז מיין קערפּער געבונדן.

איך בעט זיך ביי גאָט אויף אַ ביסעלע שלאָף —
עס וועט סוף כל סוף אַזאַ פּיין מיך צעפרעסן.
פאַר וואָס קומט מיר, האַר, אָט די מוראקע שטראָף ?
וואָס ערד האָט פאַרדעקט מוז דאָך ווערן פאַרגעסן !

ווי קען איך פאַרגעסן, אַז ס׳איז אין מיין ראיה
פאַרבליבן אויף אייביק דער אָפּשיין פון גרוילן ;
דאָס אַלץ, וואָס געשען איז אין געטאָס אין פּוילן,

רייסט פון מיין אבלדיק האַרץ שטענדיק קריעה.
ביי טאָג איז דער צער אין אַ שמייכל פאַרהוילן —
דאָך ברענען אויף אַש אוים אויך שטיינערנע קוילן...

ב

ס׳דאַכט זיך מיר טייל מאָל: כ׳בין לאַנג שוין נישט דאָ —
וויפיל מאָל קען מען דאָס ווערן פאַרברענט?
דאָס אַש פון מיר מאַכט אַלע וועגן גראָ;
יעדעס שטויבעלע האָט פאַרקוילטע הענט.

יעדע נאַכט איז אין זעלביקן קאַשמאַר:
איך ברען צוזאַמען מיט מיינע ברידער
און איבער מיין אומקום וויין איך אין צער —
מיטן אויפגיין פון טאָג לעב איך ווידער;

פריי זיך מיט יעדערן ביימל וואָס גרינט,
בעט צו גאָט ס׳זאָל קיין מלחמה נישט זיין,
נאָר ס׳האַרץ, ווי ביי אַ געקוילעטע רינד,
שטייט מיר אָפּ, ווי נאָר דער טאָג נעמט פאַרגיין.

וויפל מאָל קען מען דען ווערן פאַרברענט
און ווייטער לעבן מיט פאַרקוילטע הענט?

דער הירש אין דיין ליד

דער הירש אין דיין ליד
האָט די טרויעריקסטע אויגן;
זיין גוף איז אין ווונדן
פון פיילן און קוילן.
פאַרחושכט ער שפּאַנט
ביי די ברעגעס פון מאַרנע
און צער׳ט דורך די נעכט
ביי דער ווייסל אין פּוילן.

דער הירש אין דיין ליד
איז אַן איינזאַמער שאָטן;
דער שאָטן פאַרשטעלט דיר
דעם רייץ פון דער סאַרנע,
וואָס קומט אָן מיט ריחות
פון פרילינג צו שפּרינגען,
און שיפּט זיך אַוועק
אויף דער גרין־גרויער מאַרנע.

דער הירש אין דיין ליד
טראָגט מיט ווייטיק די הערנער
פאַררייסן צום הימל
אין פלאַמיקער שקיעה.

די וואַסערן פֿאַרבן זיך
רויט אין דער מאָרגן
ווען ס׳פֿאַלט זיינס אַ טרער
וואָס דערמאָנט די ווילִיע.

דער הירש אין דיין ליד
איז דער מיד-מאַטער וואָגלער;
ער אומערט ביי אַלערליי
ברעגעס פֿון טייכן.
זיין נעסט, אָפּגעמעקט
דורך די גרויזאַמסטע פֿלאַמען,
האָט געלאָזט אים אין אויגן
אַ בלוטיקן צייכן.

פרילינג אין פּאַריז

פּאַריז!
צוזאַמען מיט דיר
דעם טוי פונעם פרילינג
כ׳וואָלט טרינקען;
דיין בליק שיכורט אָן,
ווי שטאַרק בורשטינענער וויין.
נאָר וואָס זאָל איך טאָן,
אַז מיין האַרץ אין צער
איז פאַרזונקען?
אין דיינע היימלעכע גאַסן
שפּאַן איך, אַן אָבל, אַריין.
וואָס זאָל איך טאָן
איך זאָל קענען פאַרגעסן?
כ׳וואָלט אויך,
פּונקט ווי דו,
זיך געטובלט אין פרילינג
מיט פרייד.
נאָר ס׳האָט זיך דער טרויער,
ווי זשאַווער אין מיר איינגעגעסן;
אין עכאָ פון צער
דיין פרילינג פאַרגייט.

Marek Halter 67

ביי דער סען אין פּאַריז

בריקן אַ סך האָט די סען,
כ׳זע פּאָרלעך שפּאַצירן דאָרט גיין —
און אונטער די בריקן כ׳דערקען
מיין שאָטן אין גראָקייט אַליין.

דער שאָטן שפּרייט אויס זיינע הענט,
טוט אָן זיך די סען אויפן קאָפּ —
אין ליכטער פּאַריז איז צעבלענדט,
איך נידער אין חושך אַראָפּ...

אין חושך איך נידער אַראָפּ,
צו פאַנגען דאָס ליכט פון פּאַריז —
פאַרפלעכט זיך די סען ווי אַ צאָפּ
צום טורעם, וואָס שטייט ווי אַ ריז.

דעם טורעם האָט אייפעל פאַרטראַכט —
אַ גולם פון אייזן און שטאָל,
ער טרינקט אויס די סען יעדע נאַכט
און ווערט אין דער נאַכט אַ פּייפּיאָל.

עס וויינט דער פּייפּיאָל יעדע נאַכט,
איך הער זיין געוויין ביז באַגין;
ביז שלאָף מיינע אויגן פאַרמאַכט
און פּויזעט אויף מיר, ווי אַ שפּין.

זי פּויזעט, די שפּין, אויף מיין לייב —
מיין שאָטן זיך טרינקט אין דער סען,
אין קראַנק־מידן דרימל איך בלייב,
אויך דאָרט אַלע פּיינען צו זען.

זעקס יאָרצייט-ליכט

ווער וועט עפענען די טויערן פון רחמים
צו לינדערן אונדזער צער?
ווּ זענען די ל״ו צדיקים
זיך צו מיִען דערפאַר?

מיר צינדן זעקס יאָרצייט-ליכט
אויף נישט פאַרגעסן דעם גזר,
ברענען זיי אַלע טעג און נעכט
אין אונדזער אייגענעם צער.

פאַרעקשנטער זכרון

די שטילקייט
ברומט א ניגון.
די נאַכט
שפּילט אויף אַ פליים.
ביידע ווילן דיך פאַרוויגן
צו אַ ווייט
וייטן חלום:
צו רו
און שלום.
נאָר דיין פאַרעקשנטער זכרון,
וואָס טראָגט דעם אָרון
פון אַלץ וואָס פאַרגייט,
האָט איבער דיר
גרויע פליגל פאַרשפּרייט —
זיי לאָזן דיך נישט הערן
דעם ניגון פון שטילקייט
און פון שטערן.

ווען
דער
וועג לאָזט זיך אויס

וואָס ברענגט מיר דער טאָג?

וואָס ברענגט מיר דער טאָג
וואָס איך שפּאַן אים אַדורך
מיט שטיל-שטילע טריט?
און וואָס קען ער זיין מער
ווי נעכטן, ווי מאָרגן?
דער פרילינג איז לאַנג שוין
פאַרוועלקט אין געמיט,
און דער צער האָט די טעג,
די לעצטע,
פון זומער דערוואָרגן.

עס שיינט דאָ די זון יעדן טאָג
אויף דעם ים סעלעדינענעס, בלויען,
ביי יעדערן הויז עס גרינען
און בליִען ביימער און בלומען,
נאָר איך בין פאַרהילט
אין אַ נעפּל אַ גרויען
און קוק אויף דעם ווייט-ווייטן ים,
ווו אַ שיפל כ׳זע שווימען,
און חלום, אַז אָט מיט דעם שיפל
וועסט קומען צוריק,
דו וועסט קומען.

יענע שעה

יענע שעה,
דער נישט אויסגעשריגענער ווײ,
יאָמערט אין מײנע טעג,
און אָפּט — אין אָטעם מײנעם.
— דערצײל נישט קײנעם,
קײנער וועט דיך נישט באַנעמען,
קײנער וועט דעם אמת
נישט דערפֿילן.
טובל זיך אַלײן
אין צער דעם שטילן.

אָן אַ באַשייד

פאַר מיר האָט דער פרילינג
פאַרפרוירן אַלע צווײַגן.
דער זומער איז געקומען
מיט האַרבסטיקן רעגן.
אונדזער ליבשאַפט
האָט איבערגעשריטן
אַלע שיידוועגן;
אויך די
פון לעבן און טויט.
וועט דער הימל
פאַר מיר זיין צעבלויט?
וועלן, אפשר, אויך בליִען
מיינע, צום לעבן, באַגערן?
נאָר דיין קול,
וואָס כ׳הער נישט אויף צו הערן,
ריזלט אין מיינע רייד
אָן אַ באַשייד.

מיט יעדן בין־השמשות

מיט יעדן בין־השמשות,
וואָס טוליעט זיך צו מיינע שויבן,
קומסטו מיט.
איך הער דיינע טריט
און פיל דיין זיין
אין אונדזערע דלד־אמות
פון אַלע צייטן.
וואָס קען דיך פאַרבייטן
אין דער שטילקייט —
ווען זון איז פאַרגאַנגען?

ס׳ווײַנט דער האַרבסט

ס׳ווײַנט דער האַרבסט
אין קאַלטן דרויסן...
— מאַך די פֿענצטער צו.

מײנסטו, אין מײַן קלײנעם װינקל
כ׳װעל געפֿינען רו?

סײַ װי קומט דער גרױער אומעט,
כאָטש כ׳האָב אַלץ פֿאַרמאַכט;
אפֿילו אין מײַן װײַסן בעט —
ער װײַנט אַ גאַנצע נאַכט.

די צייט אין מיין שטוב

די צייט אין מיין שטוב
גייט מיט פאַרגליווערטע שעהען,
זי שלענגלט זיך אַרום מיר
אָן אַ תּיקון.

די נעכט הענגען איבער
די טעג די גראָע,
דעם שפּאַן צום אויפּסניי
איך קען נישט דערבליקן.

מיט האַרבסטיקע הימלען
פאַרדעקט מיך דער טרויער;
דיין שאָטן גייט מיר נאָך,
ווי ס'גייט מיט מיר מיין שאָטן.

אויסער דעם שוואַרצן טויער
אונדזער שיידוועג שטייט אָפן —
און איך אויף דעם וועג
וואָס דיין טראָט האָט געטראָטן.

האָסט ליב געהאַט בלומען

האָסט ליב געהאַט בלומען,
איבער אַלע — מימאָזאַ,
דעם צאַרט־געלן צוויטער.
דו האָסט זיי גענומען אין האַנט
מיט אַ ציטער
ווען כ׳האָב זיי געברענגט
אונדזער ליבשאַפט באַשיינען.
היינט בליט די מימאָזאַ —
איך וועל זי נישט קויפן;
דו האָסט דאָך געבעטן,
אַז איך זאָל נישט וויינען.
וועל איך פון זוניקער בליִונג
אַנטלויפן?
און אפשר זיך טוליען צו זיי,
ווי צום פּנים צו דיינעם?
אָ, ליבסטער דו מיינער!
איך ווייס נאָך אַליין נישט
וווּ ס׳וועט מיין אבלות מיך פירן;
איך ווייס נאָר,
אַז אַלץ וואָס איך טו,
איז אין דיין אָנדענק זיך צירן.

דיין מאַנטל

אין פאָדער־צימער הענגט דיין מאַנטל
אַלץ נאָך גרייט.
דו זאָלסט אים אָנטאָן,
צו דער אַרבעט גיין.
ער רעדט צו מיר
אַזעלכע ווייַנענדיקע רייד.
און איך, איך ענטפער אים
און וויין אין אים אַריין
די אַלע טרערן,
וואָס פאַר מענטשן כ׳וויל מאַסקירן;
די אַרבל ליידיקע,
זיי נעמען מיך אַרום;
פון זייער ליידיקייט
דאָס בלוט אין מיר נעמט פרירן.
דער מאַנטל דייַנער ציט מיך צו
און הילט מיך איין —
איך טוליע זיך צו אים
אין קאַלטן פיבער,
דער ווייטיק הייבט אָן קריצן מיט די ציין,
דיין מאַנטל, ווי אַ טויטן,
דעקט מיך איבער.

*

דו האָסט אין דער נאַכט היינט
געוויינט ביי דיין שוועל,
איך האָב דאָס געוויין אויך
געפילט אין מיין קעל,
איך האָב דאָס געוויין אויך
געפילט אין מיין לייב —
ווי פילן עס קען נאָר
פאַראָבלט אַ ווייב
אין אַ זומערדיק הייסער
צעשטערנטער נאַכט,
ווען ס׳קול פון איר ליבסטן
ס׳האָט איר זיך געדאַכט
צו הערן ביי אייגענער שוועל
מיט געוויין:
ליבסטע, מיין ליבסטע
לאָז מיך אַריין.

דו זיצסט לעבן מיר

ווער זאָגט דאָס,
אַז איך בין אַליין איצט אין גאַנצן
און פֿריר פֿון אַן אימה
פֿאַר יעדערן שאָרך?
נישט אמת!
איך פֿיל דיך; דו זיצסט לעבן מיר
און איך האָרך,
ווי דו לייענסט מיין ליד,
וואָס פֿאַר דיר כ׳האָב געשריבן;
דיין קול איז אויף שטענדיק
אין שטוב דאָ פֿאַרבליבן,
און וויל מיך אַלץ טרייסטן,
און וויל מיך פֿאַרוויגן.
איך וואָלט מיט דעם גרעסטן געשריי
זיך צעשריגן,
נאָר כ׳מיין נאָך אויף אמת
דו וועסט פֿון דעם צער׳ן —
ווי מוראדיק איז מיר אַליין
זיך צום לעבן פֿאַרנאַרן.

גאָרנישט פאַרגעסן

כ׳האָב גאָרנישט פאַרגעסן,
כ׳האָב גאָרנישט פאַרביטן,
דער זעלביקער ווײ
פון דער ווונד איז פאַרשניטן,
דער זעלביקער צער
אויף שלעסער פאַרריגלט,
דער זעלביקער בונד
מיט אַ זיגל פאַרזיגלט.
ס׳קען קײנער נישט װיסן,
ס׳קען קײנער נישט אָנען,
אַז כ׳גײ אום מיט דיר,
אין מיר ביסט פאַראַנען;
װען כ׳הער אין מײן קול
דײן קול זיך פאַרטײען,
זענען מיר װידער
אַלײן נאָר אין צװײען.

ווען דער וועג לאָזט זיך אויס

דער זוניקער טאָג
האָט אַ שאָטן פֿאַרשפּרייט —
אין פֿרייד פֿון דעם ליכט
איך קען היינט נישט שפּאַנען.
אַלץ, וואָס איך הער,
האָט פֿון האַרבסט אַ באַדייט,
ווי נאַקעטע ביימער
שוין וואַלטן געשטאַנען.

שפּעט־זומער — איז וואָס?
די זון סנאָפּעס ליכט
שטראַליק צעשיט נאָך
אויף רוישיקע גאַסן;
און איך אינעם שאָטן
באַהאַלט מיין געזיכט
און גיי אינעם האַרבסט,
ווי פֿאַרטויבט און פֿאַרגעסן.

אַ רגע איך רײַס זיך
פֿון שאָטן אַרױס
און פֿלאַטער אַרײַן
אין די גילדענע שטראַלן;
פֿאַרבלענדט איך דערפֿיל,
אַז דער װעג לאָזט זיך אױס
און באַלד בײַ אַן אָפּגרונט
איך װעל זיך צעפֿאַלן.


M.H.

ירושלים

ביסט בלענדיק און הייליק,
ירושלים,
ווען מען קומט צו דיינע טויערן,
ווי אַ קינד צו אַ מאַמען.
אין דעם ליכט פון דיינע מויערן
ליכטיקט
די געטלעכקייט אַליין מסתמא.
נאָר עס שרעקן מיך
דיינע אָנגעהויפטע
און צעוואָרפענע שטיינער,
ווי די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ
האָבן מיך געשראָקן.
כ׳וועל אויסטאָן מיינע שיך און זאָקן
און אַ באָרוועסע לויפן
אויף דיינע אַלטע, תנ״כישע וועגן
דעם נייעם בלי אָנטקעגן.
כ׳וועל אַריבערשפּאַנען
פון מאה־שערים
ביז דעם בנין פון „הדסה"
און פון אינערלעכן ציטער
אַ בלאַסע —
זיך פרווון היילן

פון אַלע דורכגעלעבטע
ווייען און פּיינען,
און זעטיקן מיין אויג
מיט די צעגרינטע וועלדלעך,
גערטנער און פּליינען.
כ׳וועל קוקן דורך די ברייטע
ליכטיקע פענצטער
אויף די בערג פון יהודה,
און פון וואַנדערן אַ מידע,
וועסטו מיך שטאַרקן מיט דיין קדושה —
ירושלים.

אין וועלדל פון כפר־גלעדי

ווינטן, זייט שטיל,
איך האָב נאָך מיין תפילה
נישט פאַרענדיקט;
מיין תפילה פאַר דעם וועלדל
אין כפר־גלעדי.

איך האָב עס דערזען
אין אַ בלויען אינדערפרי;
אין אויגן פון דורות
האָט עס דאָ געשטענדיקט,
געוואַקסן, געגרינט און געבליט.
זענען מיינע אויגן
מיט פרייד צעגליט:
דער מאַמעס מעשׂהלע איז וואָר!

די מאַמעס,
וואָס האָבן דאָס וועלדל געפלאַנצט,
האָבן שוין גרויע האָר;
זייער שמייכל איז יונג,
יונג,
ווי דאָס גרין פון דעם וועלדל
אין כפר־גלעדי,
וואָס איך האָב עס דערזען
אין אַ בלויען אינדערפרי.

אינהאַלט

אין מיין ניגון

אין מיין ניגון 7
געבורט פון אַ ליד 8
אַ ווייטער פרילינג 9
קען זיין 10
אין אַ ווינטערנאַכט 13
צו די הייכן 14
נעם אַרום די וויטן 15
פריינדשאַפט 16
צו דער נאַכט אַראָפּ 17
פאַרגעס נישט אין פרילינג 18
בלויע טויבן 21
האַרבסטטאָג 22
קומט דער אָוונט 23
* (וויט אויפן ים) 24
אין שטילקייט מיט זיך אַליין 25
פאַרנאַכטיקע שעה 26
וויג איין דעם טרויער 27
מיט מיין באָבעשי 31
זיי אַ ווײלע שטיל 37
אין די שטעט אין די גרעסטע 38
פרעג נישט 41
אַ גרויער מענטש 42
דער שיכור 43
ווידער אַ זומער פאַרביי 44
נעם דעם יאָך אַראָפּ פון מיר 45
נעם מיך, ים, אַרום 46

אויף יענער זייט באַרג

* (אויף יענער זייט באַרג) 49
עס רויכערן די בערג 50
וואָס איז דער עיקר 53
* (דאַכט זיך) 54
כ'וועל קומען צו דיר 55
* (וויל מיך נישט קושן!) 56
צום ערשטן פרילינג 57
רוף מיך 58
קוק נישט אויף מיר 59
* (דו זאָגסט איר) 60
זי וויל נישט 61
דער שיכורער ים 62
צאַפּלדיק לעבן 64
מיין גאָרטן 65
צו בערגיקע הייכן 66
זאָג נישט 67
אויף וועלכן וועג? 69
אויף דעם וואָס איך וואָרט 70
ביים סאַקרעקער 71
מיט דיין אייגענעם חלום 72
כ'בין געווען אין דיין שטוב 73
רעד מיר נישט פון רויזן 74
פון ימיקן געמיט 75
דיינע זילבערנע פינגער 76
צו מיין ערשטן געוויין 77
איינזאַם אין צווייען 78
פיר מיך פון דאַנען אַוועק 79
ווען דו וועסט אַוועק 80

פאַרעקשנטער זכרון

זאַמל איין מיינע טרערן 83
יום־כיפור־ליכט 84
ס'קומען פאַרכטיקע טעג 85
אַ תפילה 86
אלול־ווינטן 87
גיב אַ באַשייד 88
דער איינזאַמער בוים 89
וואַרשעווער געטאָ 93
קאַשמאַרן 94
דער הירש אין דיין ליד 96
פרילינג אין פאַריז 98
ביי דער סען אין פאַריז 101
זעקס יאָרצייט־ליכט 103
פאַרעקשנטער זכרון 104

ווען דער וועג לאָזט זיך אויס

וואָס ברענגט מיר דער טאָג? 107
יענע שעה 108
אָן אַ באַשייד 109
מיט יעדן בין־השמשות 110
ס'וויינט דער האַרבסט 111
די צייט אין מיין שטוב 112
האָסט ליב געהאַט בלומען 113
דיין מאַנטל 114
* (דו האָסט אין דער נאַכט) 115
דו זיצסט לעבן מיר 116
גאָרנישט פאַרגעסן 117
ווען דער וועג לאָזט זיך אויס 118
ירושלים 123
אין וועלדל פון כפר־גלעדי 125

פון דעם זעלבן מחבר:

דערמאָנונגען, פאַרלאַג א. ב. צעראַטאָ, פּאַריז, 1953

יונגע טעג, „מיניאַטור־ביבליאָטעק“, פון קולטור־קאָנגרעס אין פראַנקרייך, פּאַריז 1962